איז אים גיוועזן דער ווידער אזוי ווערין די מקטרגים גופא מליצי יושר.

**רבונו של עולם**, ערפיל מיין באגער צו גוטען, און זאלסט מיר מיט מיין מאן און קינדער מוחל זיין אונזערע זינד וואס מיר האבין גיטאן, אפערצייהונג פון גינאד און רחמים און ריינין אונז פון אונזערע זינד פון אונזערע שילדען און פון אונזערע פערברעכונגען ופשעים, (וואס מיר האבען גיטאן מוטווילינען קעגין דיין היילינען נאמען) און דו זאלסט מיך מיט מיין מאן און קינדער דער מאנען ביין יום הדין צו לאנג לעבין, צו גיזונד, און צו שלום, און זאלסט אונז געבין פרנסה טובה, דען יעצט טוסטו דעם מענטשין זיין פרנסה בעשטימען אויף אגאנצען יאר, דרום בעט איך דיר בארימהערציגער פאטער, דאס דו זאלסט מיט אונז טאן לפנים משורת הדין, און זאלסט אנשרייבען צו איין גרינגע און אזיסע פרנסה, מיר זאלען האבען לחם לאכול ובגד ללבוש בכבוד, און ניט מיט בזיון, מיט היתר ניט מיט איסור, ניט מיט חלול שבת חלילה, און ניט שאדין מאן חלילה אצווייטין מענשין, דען דו ביזט דער הער פון דער גאנצער וועלט, דו שפייזט מיט חסד אלע באשעפעניש פון קליין ביז גרוים, ווי עס שטייט גישריבען עיני כל אליך ישברו, די אויגען פון אלע באשעפעניש האפען צו דיר, און דו גיבסט איטליכען זיין שפייז און באדערפעניש אין דער צייט, און דו זאלסט אונז געבין פארשטאנד מיר זאלין פארשטיין אז דער בעסטער פיהרונג איז נור אין די וועג פון דיין היילינע תורה, און שיק אונז א רפואה שלמה צו אונזערע ווייטאגין, און גיב ברכה והצלחה אין אלע אונזערע עסקים וואס מיר טוען, און דו זאלסט גוזר זיין אויף אונז נור גוטע גזרות צוא דעם נייעם יאר, און זאלסט מבטל זיין פון אונז אלע בייזע גזרות, און נייג די הארץ פון דעם קעניג און אלע דיינע שרים אויף אונז צו גוטן, עס זאל זיין בעוויליגט פאר דיר די רייד פון מיין מויל, און גידאנקען פון מיין הארצען, דען דו ביזט מיין באשעפער און מיין דער לייזר, אמן וכן יהי רצון.

---

מעשה אלפס

אוואַרעמען צודעק. דאס זעלבע איז די לאגע פון ישראל אין די פינסטערע נאכט פון גלות און פון פחד פאר פאגראמען, אז נור דער פונק פון האפענונג איז זייער נחמה, אז ניט עוויג וועט זיין שלעכט, עס וועט אויפשיינען פאר אונז די ליכטיגקייט פון די גאולה. און ווי זיינע גידאנקען שוועבין אין זיינע האפענונג פון די גאולה, דריקט ער זיך אוים מיט פרייד, אז מיין האפענונג (צו די ליכטיגקייט פון די גאולה) איז נאך זיכערער פון דעם שומר'ס האפענונג צום טאג.



**רבש"ע.** א) בזכות וואס מען לייענט אחרי מות זאל שוין היינטיגען יאר מקוים ווערין, אזוי ווי עס שטייט בלע המות לנצח. ב) און בזכות וואס מען לייענט אחרי מות שני בני, צוויי צדיקים נדב ואביהוא אהרן'ס קינדער, זאלען ניט אפגריסען ווערין אונזערע קינדער פון אונז ח"ו. ג) און בזכות וואס מיר דערמאנען דעם נאמען פון אהרן הכהן, זאל פון אונז דערפאר אפגיטאן ווערין דער חרון אף דאס מיר זאלען ניט דארפען אנקומען צו פרנסת בשר ודם נור פון דיין היילינע האנד זיך צוא ערנערין. אמן כן יהי רצון.

און דער נאך זאגט מען ואני תפלתי און בריך שמיה.

## תחנה פון שופר בלאזען (צו זאגען מיט גרוים כונה).

**אב הרחמן**, דער בארמיגער פאטער, דיינע ליבע קינדער גרייטען זיך צו מקיים זיין די ליבע מצוה וואס דו האסט אונז גיבאטען אין דיין היילינע תורה צו הערין „תקיעת שופר" אום ראש השנה, כדי דורך דעם זאלען מיר גיווינען דעם משפט, דער שטן זאל צו מישט ווערין און ניט קענען מקטרג זיין אויף אונז, ווייל דער שופר וועקט אויף די הערצער צו תשובה. דאס ערשטע ערינערט ער אונז, אז אין דעם טאג ר"ה האסטו דיין וועלט באשאפען און ביסט גיווארען איר קעניג, און דער שטייגער איז אין קראנאציע-טאג טרומייטערט מען ערינערין די פובליק אז היינט האט מען גיקרוינט דעם קעניג, אויף מונטערין זייערע געפיהלען או נעמען אויף זיך, מיט צופרידענהייט זיין קעניגרייך, זיך איבער געבין צו זיין טרייע אונטערטאנער, ווי עס שטייט געשריבען (בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה') מיט טרומייטען און אשטימע פון שופר שאלט פאר דעם קעניג גאט. און דער טרומייטערין אין קראנאציע-טאג איז שוין מודיע אמאניפעסט אז די אלע אנטלאפענע סאלדאטען ווען זיי וועלין ערקענען זיער אירטהום און וועלין היינט מיטין אייגענעם ווילען צוריק קומען לעבודת המלך, וועט זיי זיין גישאנקען דער גרויסער שטראף (פון איבער געבין זיי אין דיסציפלינארנעם באטאליאן), דאס גלייכען די זינדיגע מענשין וואס זיינען אנטלאפען אגאנץ יאהר פון גאטעס ליכטיגע וועג צו גיין אין די פינסטערע וועג פון זייערע תאוות, זאלען היינט זיך צוריק קערין צו דעם וועלט קעניג, נעמען אויף זיך פון היינט אן און ווייטער צו זיין

טרייע דינער, וועט מען זיי ניט איבער געבין צו די גזרות רעות חלילה. דאס צווייטע דר מאנט אונז דער שופר, אז דער מלך מלכי המלכים וואס היינטיגין טאג האט ער בעשאפען די וועלט און איר איבער גיגעבין צום מענשין אין האנד (אים גימאכט פאר איין דירעקטאר אויף די וועלט באנק), איז אום דער מענש זאל וויסען ווי אויף צופירען זיך, (כדי ער זאל זיך און די וועלט מאכען גליקליך), האט ער ערשיינט אויפען בארג סיני מיט אקול שופר און גיגעבין דעם מענשין אתורת חיים, אז ווען ער וועט זיך פירען ווי די תורה לערינט אים, וועט ער פארברייגען ארוהיגען אצופרידענעם לעבין אויף דער וועלט, און וועט זוכה זיין צו גרויס פערגניגען אויף די עוויגע וועלט. היינט אז מיר האבען אב גיטראטען פון די ליכטיגע וועג פון דער תורה און אוועק גיבלאנדזעט אין די פינסטערע וועגין פון אונזער בייזע הארץ, נאך צו גין דעם לוקסוס און די תאוות, דער מאנט אונז דער שופר מיט זיין מוראלישע און מורא'דיגע שטימע, אז די וועלט איז ניט קיין הפקר צו טאן וואס די בייזע הארץ גילוסט, און דער זעלבער יצר הרע וואס פריער האט ער אונז אנגירעט צו טאן די בייזע מעשים איצונד האט ער גימאכט אגרויסע מלחמה אויף אונז, ער איז אגרויסער מקטרג מיט אגאנצע מחנה בייזע מלאכים וואס מיר האבען באשאפען דורך אונזערע זינד, און דער קול שופר רופט אויס (עורו ישנים משנתכם) וואכט זיך אויף שלאפעדיגע פון אייער הארטען ליטארגעשין שלאף! און דער מאנט זיך אן אייער בעשעפער, איר פארבלאנדזעטע וואס האט פארגעסין דעם אמתין תכלית, דורך אייערע פוסטע תכליתים, איר האט פארבראכט דעם גאנצין יאר אין הבל הבלים וואס זיי קענען אייך ניט רעטען פון גרויסען פארכטיגען יום הדין, האט חרטה אויף אייערע בייזע מעשים און שלעכטע גידאנקען, דער מאנט זיך אז איר האט קיין קאנטראקט ניט אויף דער וועלט, אלע טאג קען מען אייך הייסען נעמען דעם פעקיל און גיין, נעמען דעם צוא קאפין-זעקעלע-זאמד און גיין חלילה אין טיפען גרוב, דער מאנט זיך אז צו ליב אייערע זינד איז חרוב גיווארין אייער בית המקדש און די שונאים האבען גיטרומיטערט מיט שופרות אמלחמה אויף אייך, און אזוי מאכט איר חרוב אייערע נשמות און אייערע עוויגע פאלאצען (פון די אמתה וועלט) דורך אייערע זינד, אלזא נעמט דאס גוט אין אכט און פארבעסערט





אייערע מעשים, נעמט זיך אפיר צו גיין אין די ליכטיגע וועג פון דער תורה, אפפערין זיך פאר דעם רצון הבורא ב"ה און פאר דעם רצון פון אייערע גוטע און פרומע עלטערין אזוי ווי אייער פאטער יצחק האט זיך גילאזט בינדען אויפן מזבח צו ערפילען דעם רצון הבורא און דעם רצון פון זיין היליגען פאטער אברהם, דרום הארציגער פאטער עפין מיין הארץ, איך זאל נעמען גוט אין אכט די אלע היליגע גידאנקען, און ערלייכט מיין שכל איך זאל פאר שטיין נאך פיל היליגע כונות וואס די ליבע מצוה פון הערין שופר בלאזען, האלט איין אין זיך, און אזוי וויא דער שופר איז איין גיבויגען, אזוי זאל איך פארציטערט ווערין פאר די גרויסע אימה פון פארכטיגען יום הדין, און איך זאל איין בייגין מיין הארץ פאר דיר, און מיט אמתה ריינע טרערין זאל איך אויסגיסען מיין הארץ פאר דיר בעטין סליחה ומחילה אויף אלע מיינע בייזע מעשים וואס איך האב גיטאן אגאנץ יאהר, און ווען אפילו צו ליב מיינע גרויסע זינד זיינען צו געשלאסען פון מיר אלע טויערין, אבער די טויערין פון אמתה טרערין זיינען דאך ניט פארשלאסען.

גרויסער קעניג, זיי זיך מרחם אויף מיין זינדיגען גוף און איבער הויפט אויף מיין נשמה, און זיי מיר מוחל אויף מיינע בייזע מעשים און גיב מיר אריינע הארץ איך זאל זיך פעסט באשליסען מער ניט אום קערין זיך צו די זינד, און דורך דעם וואס איך וועל הערין דעם קול שופר מיט אריינע כונה טאן אנחת רוח צו דיין ליבען נאמען, זאל צוריסען ווערין די וואנט פון די מקטרגים וואס זיינען מפסיק פאר אונזערע תפלות, און אונזערע וואריעמע תפלות זאלען ארויף גיין גלייך צו דיר, און זאלסט פול ווערין מיט רחמים אויף אונז, און אויפשטיין פון כסא דין און זיך זעצין אויף דעם שטול פון רחמים, און אונז גירעכט מאכען אין דעם משפט, און מציל זיין אונז פון אלע גזרות רעות, פון אלע קראנקהייטען און פון אלע אונגליקען ר"ל, און זאלסט אנשרייבען אַיאהר פון לעבין פון גיזונד פון פרנסה בכבוד און נחת פון קינדער, מיר זאלען זיי קענען ערציהען צו תורה און יראת שמים, און בזכות די היליגע מצוה פון הערין שופר בלאזען זאלען מיר זוכה זיין צו הערין ווי דו אליין וועסט בלאזין מיטן וויכטיגען שופר צו בעפרייען אונז פון פינסטערין גלות און פירען

אונז מיט שטאלץ אין אונזער הייליגע לאנד, און נאכהער זאלען מיר זוכה זיין צו זעהען די גרויסע שמחה פון תחית המתים, וואס דאן וועט אויך געבלאזען ווערין מיט אוויכטיגען שופר, במהרה, אמן.

# סדר תקיעות.

פאר תקיעת שופר זאגט מען דעם למנצח איינינגע מאל.

למנצח לבני קרח מזמור: כל העמים תקעו כף הריעו לאלהים בקול רנה: כי יי עליון נורא מלך גדול על כל הארץ: ידבר עמים תחתינו ולאמים תחת רגלינו: יבחר לנו את נחלתנו את גאון יעקב אשר אהב סלה: עלה אלהים בתרועה יי בקול שופר: זמרו אלהים זמרו זמרו למלכנו זמרו: כי מלך כל הארץ אלהים זמרו משכיל: מלך אלהים על גוים אלהים ישב על כסא קדשו: נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם כי לאלהים מגני ארץ מאד נעלה:

למנצח לבני קרח מזמור. אלויב געזאנג צו די לוים פון קרח (כל העמים) אלע פעלקער מאכט האנד-שלאג (ניט די האנד איינע די אנדערע) צום ציכען פון שליסען פרידען (אוים מיידען מלחמות) ווייל דאן וועלין זיי דינען אלע איין גאט (וועט בטל ווערין שנאת הדת) און גאט וועט זיין דער קעניג אויף די גאנצע וועלט, (הריעו) טוט שאלין דורך שופרות און טרומייטען מיט אשטימע פון געזאנג (פאר גרויס שמחה) וואס איר נעמט אן די קעניגרייך פון וועלט קעניג אויף אייך (כי ה' עליון) זיי וועלין דאן ערקענען אז גאט איז דער העכסטער און ער איז פארכטיג, ווייל ער קוקט אויף אלע מעשים פון מענשין און ער איז דער גרויסער קעניג איבער די גאנצע וועלט, (ידבר) די פעלקער (פון גוג ומגוג וואס וועלין קומען מלחמה האלטען אויף ירושלים וועט ער זיי אונטער טעניג מאכן אונטער אונזער מאכט (ולאומים) און נאציאנען (וועט ער פירין) אונטער אונזער גאנג, כלומר, דאס זיי וועלן ערקענען די הייליגקייט פון דער תורה און גיין אין איהרע אנגינעהמע וועגין (יבחר) ער וועט ווידער





אויסער ווייל[e]ן אונזער פאריגע ערבשאפט (דאס איז ציון וירושלים) הגם זי איז יעצט וויסט, וועט ער איר פון דאס ניי אויס בויען, דעם גרויס ווירדיגען שטאלץ פון יעקב א) וואס ער ליבט זייער (דאס איז דער בית המקדש). (עלה אלהים בתרועה) גאטעס עהרע איז הויך געשטויגען דורך דעם שאלונג, גאט ווערט געלויבט מיט די שטימע פון שופר, כלומר, גאט ב"ה וועט אן נעמען די מלוכה וואס די גאנצע וועלט וועט אים ערקענען, און וועט פירען איין וואונדערליכע הנהגה מיט נסים ונפלאות, וואונדער איבער וואונדער, (זמרו) זינגט צו גאט זינגט, זינגט צו אונזער קעניג זינגט אויף די נסים ונפלאות וואס ער וועט מיט אייך טאן. (כי מלך) דען דער קעניג פון דער גאנצער וועלט איז גאט, זינגט אקלוגע ליד פון אייער ערקענען זיין גרויסקייט. (מלך אלהים) גאט רעגירט איבער פעלקער, גאט האט זיך געזעצט אויף זיין הייליגען שטול צו פירען איין הויכארטיגע הנהגה. (נדיבי עמים) די אדעל לייט פון פיל פעלקער, האבען זיך פערזאמעלט קיין ירושלים זיך מגייר און מקבל זיין אויף זיך צו זיין טרייע אונטערטאנער צום וועלט קעניג, זיי ווערין פערעכינט ווי די פאלק פון דעם גאט פון אברהם, וואס ער (אברהם) איז געוועזן דער ערסטער וואס האט ערקענט דעם גאט פון הימל. (כי לאלהים) צו גאט וועלין זיך פערזאמלען אלע בעשיצער פון דער וועלט, כלומר, אלע קעניגע וואס זיי באשיצין מיט זייער מאכט, און אלע צדיקים וחסידים וואס זיי באשיצען מיט זייער זכות, (מאד נעלה) וועט דאן גאט און די קינדער פון אברהם ווערין זייער ערהויבען, אלע וועלין לויבען גאט און שעצין די ישראל וואס זיי זיינען גאטס פאלק פון אייביג אן.

ווען דער בעל תוקע הויבט אן צו זאגען די ברכות, דארף מען אויף הערען צו זאגין די תחנות און איין הארכין די ברכות און די תקיעות.

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע קול שופר:

---

מעשה אלפס

א) ווייל דער אנפאנג ידיעה, אז די געוויזען צו יעקב אבינו ביז די מראה פון שכינה רוהט אין דעם ארט פון סולם, וואס ער שטייט אויף דערערד און בית המקדש, האט דער בורא ברוך הוא זיין שפיץ גרייכט צום הימעל. און דער